# סימן ו

# הלכות פון א שייטל שבת

### אויסקעמען א שייטל

(א) מען טאר נישט שבת קעמען דעם שייטל אויב מען ווייסט אז עס וועט זיך ארויסרייסן האר[א].

(ב) אויב עס איז אבער נישט זיכער אז עס וועט זיך ארויסרייסן האר מעג מען אויסקעמען דאס שייטל, אבער עס איז כדאי אז מען זאל באשטימען דערפאר א באזונדער באַרשט אויף שבת[ב].

### באשפריצן דאס שייטל

(ג) מען טאר נישט שבת שפריצן אויפ'ן שייטל אדער קלייד א ספרעי וואס מאכט אז עס זאל ווערן הארט און זיך בעסער האלטן[ג], אדער וואס מאכט א גוטע געררוך[ד].

### ארייַנלייגן א שפילקע ("פין")

(ד) מען מעג שבת באהעפטן א טיכל אדער א היט מיט א שפילקע (פין) א.ד.ג. צום שייטל וואס מען שטעכט דורך איין

---

(א) דאף שאין משום איסור תולש בסינטעטישע שייטל כיון שאינו מחובר בתולדה, מ"מ אסור אם השערות נושרות ע"ז הוא משום דסותר כלי או משום מתיר קשר, כמבואר בספר מנחת שבת סי' פ' אות קי"ז ובקצוה"ש סי' קמ"ו הע' כ"א, ועיין ששכ"ה פי"ד סנ"ב ובספר טל ברכה למלאכת גוזז הע' 36 בשם הגר"פ פאלק שליט"א.

(ב) עי' ספר שלמי יהודה פרק י'.

(ג) עיין ששכ"ה פי"ד סנ"ז.

(ד) משום איסור מוליד ריח דאסור בבגדים, כמבואר סי' שכ"ב ובסי' תקי"א, ושייטל הוא כבגד.

אויב עס וועט בלייבן דארט א לענגערע צייט, מאל, אפילו אויב עס וועט בלייבן דארט א לענגערע צייט, אזוי אויך מעג מען צ.ב.ש. ביז קומענדיגע וואך שבת, און אזוי אויך מעג מען עס דורכשטעכן צוויי מאל אויב מען האט אינזינען אז מען וועט עס ארויסנעמען באלד נאך שבת.

אזוי אויך מעג מען ארויסנעמען דעם "פין" שבת אפילו אויב מען האט עס אריינגעשטעקט דעם פריערדיגן שבת (און אפילו מען האט עס דורכגעשטאכן צוויי מאל און מען האט פארגעסן עס ארויסצונעמען באלד נאך שבת).

### אריינשטעקן נאדלען אינעם "שייטל-קאפ"

(ה) מען מעג שבת אריינשטעקן נאדלען אין א "שייטל-קאפ" וואס איז געמאכט פון "פּאָום". (אגב, טאר מען לכתחילה נישט האלטן אין שטוב א גאנצן שייטל-קאפ וואס איז אין געשטאלט פון א מענטשליך פנים, אלס א גדר צום איסור פון עבודה זרה רח"ל, נאר מען דארף אראפנעמען א שטיקל פון דער "נאז" אדער די "אויערן".)

### מאכן א קניפ אויפ'ן טיכל

(ו) מען מעג מאכן אויפ'ן טיכל א לויזן קניפ וואס מען וועט עפענעןביים אויסטון[ו], אבער אויב מען וועט עס נישט עפענען דורכ'ן שבת נאר עס וועט בלייבן צוגעבונדן לענגער (למשל, א טיכל וואס מען ניצט מיט'ן שייטל נאר פרייטאג צו-נאכטס און מען לאזט עס פון איין וואך אויפ'ן אנדערן), טאר מען נישט מאכן קיין קניפ צוליב'ן איסור פון "קושר".

---

(ה) עי' שו"ע יו"ד סי' קמ"א סעיף ד', ובש"ך ס"ק כ"א וכ"ג. וברמב"ם (הל' ע"ז ג, י') הטעם, כדי שלא יטעו בהן הטועים וידמו שהם לעבודת כוכבים.

(ו) כמבואר בשערי תשובה (סימן ש"ז ס"א) ועיין ששכ"ה פט"ו הע' קע"ד בשם הגרשז"א ובשו"ת מחזה אליהו ח"א סי' מ"ז דמותר לנשים לעשות קשר ע"ג קשר בחגורות שחוגרות על בגדיהן, ועיין שלחן השבת הל' קשירה.

### עפענען א פעסטן קניפ

ז) אויב מען האט בטעות געמאכט א פעסטן קניפ און מען קען עס נישט אזוי אויסטון, מעג מען עס עפענען שבת[ז].

### ארויסגיין מיט א רעגן-פלאסטיק

ח) מען מעג שבת ארויס גיין אויף א פלאץ וואו עס איז נישטא קיין עירוב, מיט א רעגן-פלאסטיק ("רעין באָנעט") איבער'ן שייטל אז עס זאל נישט קאליע ווערן, ווייבאלד עס שיצט אויך אויפ'ן פנים אז מען זאל נישט נאס ווערן[ח].